STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04577

LIDER UN BILDER

Dora Woolf-Stein

Permanent preservation of this book was made possible
by Floss Alper
to remember Max Alper's true Jewish soul

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאָרע וואָלף-סטיין

לידער און בילדער

לאָס אַנגעלעס, קאַליפ.
1947

POEMS AND STORIES

by

DORA WOOLF-STEIN

1 9 4 7

LOS ANGELES, CALIF.

COPYRIGHT 1947, BY DORA WOOLF-STEIN

Pacific Co-operative Press, Inc., 259 Winston St., Los Angeles 13, Calif.

איך ווידמע דאָס בוך

צו

מיין טאָכטער

ס אָ נ י ע ן

און

מיין איינינקל

מ ע ר ע ל י ן - ע ס ט ע ל

ד י ט י י ע ר ס ט ע א י ן מ י י ן ל ע ב ן

וועגן זיך

בא מיין אַרבעט האָב איך ליב געהאַט צו זינגען.
אַרבעטן און זינגען איז בא מיר געווען אַ שפּיל.
דאָס רוישן פון מאַשינען פלעגט מיין ליד צערייסן —
עס האָט מיך ניט געאַרט,
איך פלעג זינגען פון פרי ביז נאַכט.

איך פלעג מיט מיין זינגען די וואָכעדיקייט פאַרטרייבן,
און אויך ניט געוואָלט פאַרשקלאַפט זיך צו פילן.
אפילו בא מיין אַרבעט האָב איך זיך אָפט יום-טוב'דיק געפילט
און אַזוי האָב איך אויך אויף דער בינע געשפּילט.
איצט בין איך אַ באָבע.
דאָס איז מיין שענסטע ראָליע.

וועמעס שולד?

די זון האָט געשיינט איבערן שטיבעלע. עס איז געווען פרילינג. די פענצטערלאך זיינען נאָך געווען פאַרקלעפּט. אַ קרופּ־הוסט האָט מיך אויפגעריסן פון מיין שלאָף. איך האָב ניט געקענט עטעמען. גערופן מיין באָבען, מיין זיידן, אָבער קיין ענטפער איז ניט געקומען. איך בין געלאָפן צו דער טיר, געוואָלט אַרויס פון הויז, איז די טיר געווען פאַרשלאָסן. פון דרויסן.

איך בין געווען ווי אַ פייגעלע אין אַ שטייג. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ווייַנען וועט מיר ניט העלפן. אַ פאַרצווייפלטע בין איך געשטאַנען לעבן פענצטערל און האָב געוואַרט, אפשר וועט עמיצער פאַרבייגיין און העלפן מיר. איך האָב אַזוי גע־וואַרט אַ היפּשע צייט.

אָט האָט זיך באַוויזן אַ הויכער געזונטער גוי מיט אַ רויטן פּנים. אַלע אין דאָרף האָבן מורא געהאַט פאַר דעם גוי, און איך האָב עס געוואוסט. אָבער איך האָב זיך געמוזט באַפרייען פון מיין שטייג. און דעם גוי האָב איך גערופן צו הילף. אין מיין צעבראָכענעם גויאיש האָב איך אים געבעטן אַראָפּצונע־מען די טיר פון די זאַווּעסעס. ער האָט עס געטאָן גערן.

עס האָט ניט גענומען לאַנג, און איך בין אַרויסגעפלויגן ווי אַ פייגל פון אַ שטייג און האָב איבערגעלאָזן אין שטוב דעם גוי און אַן אָפענע טיר.

דער גוי האָט זיך ניט אָפּגענאַרט. אין שטוב איז געווען פון אַלדאָס גוטס, אפילו אַ זאַק, אָנגעשטאָפּט מיט גאָלדענע און זילבערנע מטבעות. מיך האָט עס ניט געאַרט. איך בין געווען פריי, און אַלט געווען ניין יאָר.

איך בין געלאָפן און האָב געפונען מיין באָבען און מיין זיידן אין די סעדער, וואוהין זיי פלעגן גיין זען ווי די אייבס בליט. דעם זעלבן טאָג נאָך האָט מיך מיין זיידע אליין אָפּגע־פירט צוריק אהיים צו מיינע עלטערן. ער האָט ניט גערעדט צו מיר די גאַנצע וועג. ער האָט געטראַכט, אַז איך בין געווען צו פּאַרשייט. איך האָב געבענקט צוריק אין דאָרף צו דער באָבען, אָבער זיי האָבן מיך ניט געוואָלט. איז עס געווען מיין שולד?

דאָרע וואולף-סטיין

טאָג און נאַכט אין קאַליפאָרניע

ט אָ ג

איינגעוויקלט ערד אין גראָזן;
רויטלט זיך די בלום;
דער זומער האָט די פליגלען צעלאָזן;
האָפנונגען ברענגט די זון.

שפּילט דער הימל אין קאָלירן,
פאַרפירעריש שווימט אַרום.
אַלעם רופט צום נייעם לעבן
מיט אַ צאַרטער שטים.

נ אַ כ ט

ווי נאָר די זון פאַרגייט,
די שטערן שוין שטיפעריש ווינקען,
די לבנה פון די בערג קומט אַרויס,
אין איר שיין די שטיבעלאך
און ביימער פאַרטרינקען.

אַלץ שלאָפט איין,
שטיל ווערט אַרום,
באַהאַלטן די פייגלען,
פאַרמאַכט ווערט די בלום.

נייע צייטן

אך, ווי טרויעריק איז דער הימל,
מיט שוואַרצע וואָלקנס איז ער פאַרצויגן,
און דער שאַפער ליגט באַהאַלטן
און וויל ניט עפענען זיינע אויגן.

ווייל די מענטשן האַלטן
אין איין צעשטערן און פאַרניכטן,
און קומען צום שעפער, ער זאָל זיי
העלפן און פאַרריכטן.

איך — זאָגט דער שעפער — האָב
געגעבן אייך אַ וועלט
איר זאָלט זיך מערן און שאַפן,
און איר, איר שלאָגט זיך פאַר פרייהייט,
און מיך איר זוכט צו פאַרשקלאַפן.

דורך שניי

געקומען איז דער ווינטער
און שנייעלאך געבראַכט.
טאַנצן זיי, פרייען זיך,
שיינען אין דער נאַכט.

שטיי איך לעבן פענצטער
און קוק אַרוים ווי העל
די שנייעלאך זיי פאַלן
צו מיר אויפן שוועל.

עס דערמאָנט מיך אין אַמאָל,
ווען כ'בין געווען נאָך קליין
אין דערפעלע אין קליינעם
באַ מיין זיידן אינדערהיים:

אַ שליטעלע אַ געלער פלעגט
שטיין באַ דער טיר,
אַ ווייס פערדל איינגעשפאַנט
האָט געוואַרט אויף מיר.

אין פּאַרק

פאַנטאַסטיש דער ווינקל.
אין פּאַרק ז'אזוי שיין!
אַהער קומט זי אַלעמאָל,
און בלייבט מיט זיך אַליין.

זי פאַרגעסט איר אַמאָל,
און פאַלט אריין אין דרימל;
די בוימער גלעטן 'אירע האָר,
זי איז ניט ווייט פון הימל.

זי הערט די פייגלען זינגען.
זי וועט זיי באַלד פאַרשטיין.
זי קומט אַהערצו יעדן טאָג,
און בלייבט מיט זיך אַליין.

גלויבן

ווען עס קומען אַן וואָלקנס,
און עס באַפאַלט אייך אַ שרעק,
ניט פאַרלירט זיך,
פאַלט ניט אַוועק.

אַנטוישט פונם וועג,
וואָס איר האָט זיך גענומען —
איז וואָס? איר קענט
אַן אַנדער וועג געפינען.

די וועלט האָט פאַר יעדן אַ ווינקל,
איר דאַרפט עס נאָר געפינען.
עס מעג זיין ווי טונקל,
די זון וועט שוין קומען.

פ ר י ל י נ ג

פייגלען פלעכטן נעסטן,
פארנומען זיינען זיי:
איינע ברענגט אַ שטעקעלע,
די צווייטע ברענגט אַ שטרוי.

שושקען זיך די בלימעלאך
ביי טאָג און ביינאַכט.
איין בלימעלע עפנט זיך,
די צווייטע ווערט פארמאַכט.

קומט אַראָפּ אַ רעגנדל,
אַ שטילענקער, און גלעט,
און די גרינע גרעזעלאך
פלעכטן אוים אַ בעט.

צופרידן איז דער מאָרגן,
ווען די זון נאָר שיינט.
ווארעמט יעדן ווינקל,
פריילאך ווערט דער היינט.

יוגנט

עס וועקט די נאַכט, עס רופט דער טאָג,
ווען דו ביסט יונג, אין בלום.
עס קומען טויזנטער פאַרלאַנגען,
עס שײַנט פאַר דיר די זון.

אויף יעדן שמייכעלע באַקומסטו
טויזנטער צוריק.
אָ, יוגנט, ניט פאַרשווינד,
ביז דו ברענגסט פיל גליק.

זאָל דאָס האַרץ

זאָל דאָס האַרץ זיין פול מיט ליידן,
ווייז ניט אין אויג קיין טרער.
האַלט אַ שמייכל אויף די ליפּן —
מעג עס זיין ווי שווער.

טרערן באַהאַלטענע,
אַראָפּ געשלונגענע ביטער,
ברענגען גוטע פּאָלגן
אַ סך שפּעטער.

בלומען

אין דיינע אויגן האָב איך געפונען
גליק און זונענשיין,
ווען דו ביסט צום ערשטן מאָל געקומען
און מיינע הענט געהאַלטן אין דיין.

דו האָסט געזאָגט, וועסט מאָרגן קומען.
איך האָב אויף דיר געוואַרט.
מיין צימער האָב איך באַפּוצט מיט בלומען.
ס'איז געווען אַ שיינע ווינטער נאַכט.

פאַרשוואונדן איז אָבער דער אָוונט,
און איך בין געבליבן אַליין.
אַן אומעט געווען איז אין צימער,
אין האַלדז האָט געשטיקט אַ געוויין.

ביז עס איז טאָג געוואָרן.
מיין אויסזען געווען איז בלאַס.
איך האָב מיט פאַרדרוס די בלומען
אַרויסגעוואָרפן אין גאַס.

אין אַ שפּיטאָל

אַ שפּיטאָל אין אַ שטעטל,
אַלע מיט טיפוס קראַנק.
עס ליגן צו צוויי אין איין בעטל.
נאָר ער ליגט אויף אַ באַנק.

בלוי זיינען זיינע אויגן,
זיינע האָר ווי קוילן—שוואַרץ.
זיין קערפּער ברענט ווי פייער,
אָפּגעשוואַכט איז זיין האַרץ.

עס האָבן צוויי מיידלשע אויגן
געקוקט צו דער באַנק,
אויף וועלכער עס איז געלעגן
דער העלד אַזוי קראַנק.

דאָס מיידל איז אַרונטער פון קראַנקן בעט,
אַז קיינער זאָל ניט הערן,
געלייגט האָט זי קאַלטע וואַסער
צו זיין ברענענדיקן שטערן.

אינדערפרי האָבן אירע אויגן
שוין ווידער געקוקט צו דער באַנק,
נאָר דאָרט איז שוין געלעגן
גאָר אַן אַנדערער קראַנק.

די נימפע

איך האָב געזען שטראַלן
זיך באָדן אין פאָנטאַנען
אין אַ גאָרטן גרינעם,
ווען זון איז אויפגעגאַנגען.

אַ גאָלדענע בין
האָט געטרונקען די זאַפט
פון אַ פרישער בלום.

אַ טייכעלע שטיל איז געלאָפן
אונטער אַ בוים איינגעבויגן,
אין אים האָט זיך אַ נימפע געבאָדן,
ווי פייער זיינען געווען אירע אויגן.

איך בין צום טייכל צוגעלאָפן
און זיך איינגעבויגן,
געפונען האָב איך ניט קיין נימפע,
נאָר צוויי פייער־אויגן.

אַ נאַכט-שׂרפֿה

אַ שטעטל אין פֿלאַמען.
מע שרייט: עס ברענט!
עס פֿליען דעכער,
עס פֿאַלן ווענט.

מע לויפֿט נאָך וואַסער,
מיט עמערס צום טייך,
אַלע אינאיינעם,
סיי אָרעם, סיי רייך.

ס'דערהערט זיך אַ יאָמער,
אַ ברעכן מיט הענט.
אַלע פֿאַרציטערט,
אַלץ ווערט פֿאַרברענט.

געוואָרן איז טאָג.
אַלץ אין פֿייער אַוועק.
דאָס שטעטל איז געבליבן
אין אומעט און שרעק.

אַ חתונה

האָסט דיין כלה פֿאַרשעמט:
פֿון דער חופּה אַנטלאָפֿן.
דו ווייסט ווי שווער
ס'וועט גאָט דיך באַשטראָפֿן.

אַוועק די מחותנים,
די כלה, פֿאַרשעמט — אַליין.
איר ווייסע חופּה־קלייד,
פֿאַרנעצט פֿון געוויין.

מע האָט דעם בחור
געזוכט אַ גאַנצע נאַכט,
ביז מע האָט אים געפֿונען,
צו דער כלה צוריקגעבראַכט.

די כלה האָט פֿון אים איצט
ניט געוואָלט גאָר הערן,
ביז וואַנען ער וועט איר
אייביק ליבן שווערן.

דער חתן האָט זיך דאָ
אינגאַנצן פֿאַרלאָרן,
און פֿאָרט האָט ער איר
אייביק ליבן געשוואָרן.

עס איז געוואָרן פריילאַך:
חתן־כלה האָבן זיך איבערגעבעטן.
און אַ וואָך נאָך דער חתונה
זיינען זיי געגאַנגען זיך גטן.

אַ מייזעלע

לויפט אַ מייזעלע אין גאַס
און געפינט פאַר זיך קיין פּלאַץ,
קינדער וואַרפן שטיינדלאך
און עס יאָגט זיך נאָך אַ קאַץ.

ציטערט מייזעלע פון שרעק,
אין אַ קניילעכל פאַרדרייט:
זי איז זייער הונגעריק
נאָך אַ שטיקל ברויט.

אַ מייזעלע דאַרף ניט קיין סך:
איר היים — אַ קינדער־שיכעלע,
איר מאָלצייט — אַ שטיקל קיכעלע.

לויפט דאָס מייזעלע אין גאַס.
עס געפינט זיך ניט קיין פּלאַץ.
קינדער וואַרפן שטיינדלאך נאָך,
און עס יאָגט זיך גיך אַ קאַץ.

צו מיין לאַנד

וועו וועט פֿאַרט
דער רעגן קומען,
אָפּוואַשן די ערד,
וואָס טוט אין בלוט שווימען?

יונגען, ווי סנאָפּעס,
פֿאַלן.
אויסגעשעפּט שוין באַלד
די קוואַלן.

געננג שוין ברענען,
מאַכן וואונדן.
ווער קען דעם פּלאַנטער
איצט אויפֿבינדן?

קום אַרויס און זיג,
לאַנד, דו פֿרייע,
מיר אַלע זיינען
דיר געטרייע.

איז ניטאָ קיין
ענד צום שטראָף?
מאַך דו, מיין לאַנד,
צום גזר אַ סוף.

דער פאַרליבטער

שיין ווי ימען — דיינע אויגן,
דיינע ליפּן — ווי אַ בלום,
דיינע הענט גראַציעז זיך בויגן,
ווען זיי נעמען מיך אַרום.

אין דיין שטים הער איך מוזיק
פון אַן אַנדער וועלט געבראַכט;
דיין באַוועגונג ז'פול מיט צויבער,
ווי אַ פרילינג-לבנה-נאַכט.

איך קען פאַר זיך קיין וועג געפינען,
ווען איך בלייב מיט זיך אַליין,
ליכטיק ווערט מיר אין מיין צימער,
ווען דו קומסט צו מיר צוגיין.

דיינע אויגן — שיין ווי ימען
דיינע ליפּן — ווי אַ בלום,
דיינע הענט גראַציעז זיך בויגן,
ווען זיי נעמען מיך אַרום.

אין שטורעם

בלאָזן ווינטן, און דער שטורעם
פון די פים ער ווארפט מיך אום.
ער פאַרשלעפּט מיך אין די כוואַליעס,
כ'שריי — עס הערט זיך ניט מיין שטים.

נאָר איך לאָז זיך ניט פאַרשלינגען.
כ'ריים זיך שטאַרק צוריק צום ברעג,
ביז דער שטורעם פאַרלירט זיין צאָרן,
ער מאַכט אַליין פאַר מיר אַ וועג.

אָט דאָ...

אָט דאָ קען איך מיינע לידער שאַפֿן,
דאָ האָב איך דיך, מוזע, געפֿונען,
צווישן אַרבעטער, צווישן שקלאַפֿן,
דאָ, וואו עס רוישן די מאַשינען.

אָ, מוזע, פֿאַרלאָז מיך ניט,
אויף דיינע פֿליגלען זאָלסט מיך טראָגן.
ביז עס וועט מיין אַלטער קאָפּ
אַ לאַרבער־קראַנץ פֿאַרמאָגן.

מיר האָט זיך געחלומט

מיר האָט זיך געחלומט,
אַז איך בין געשטאָרבן
און צו דיר, מיין גאָט,
בין איך געקומען.

אויף אַ שטול אַ הויכן
געפלויגן בין איך,
אַן אויסגעפוצטע אין
ראָזע־בלומען.

העכער, העכער געפלויגן,
אָט האָב איך שוין באַלד
דערגרייכט דעם הימל.

שאַ און שטיל
איז געוואָרן אַרום
פאַרשוואונדן יעדער טומל.

פאַרשוואונדן אויך מיין שטול
איך זע שוין ניט קיין בלומען.
איך בין אין דער לופט.
וואוהין וועל איך קומען?

אַ דין רויכעלע
אין דער אַטמאָספער.
שטיל עפנט זיך
אויף אַ טיר.

אַ זיסע שטימע
הער איך מיך רופט,
איך קען ניט צוקומען,
איך הענג אין דער לופט.

ליכטיקער איז
אין הימל געוואָרן.
דערפילט האָב איך:
איך ווער פאַרלאָרן.

אַרונטער בין איך
אַן אַנטוישטע געפלויגן,
און געטראַכט פון מיין חלום
שוין מיט אָפענע אויגן.

לעבן פענצטער

שטיל איז געווען אין מיין שטוב,
טרויעריק-טונקל אַרום.
איך בין לעבן פענצטער געזעסן,
געטראַכט פון מיין איינציקן זון.

מען האָט אים פון מיר אָפּגעריסן,
אַוועקגעשיקט אים אין שלאַכט.
איך בין לעבן פענצטער געזעסן,
פון אַנדערע מאַמעס געטראַכט.

די לבנה האָט געבאָדן זיך אין הימל,
געלאַכט ווי אַן אומשולדיק קינד,
איך בין לעבן פענצטער געזעסן,
געברענט האָט מיין אָפענע וואונד.

געטראַכט האָב איך, זעסטו, לבנה,
וואָס האַלטסט צו אונדז אין איין ווינקען,
ווי ס'ברענט דאָ אונטן די ערד,
און ווי עס פליען די פונקען?

די לבנה איז אין וואָלקן פאַרשוואונדן
אין מיטן מיין קלערן און פרעגן.
איך בין בײַ דעם פענצטער געזעסן.
אין שויבן געקלאַפּט האָט אַ רעגן.

אין פרימאָרגן

זיי געגריסט מיר, ליבער מאָרגן,
ווי ליב דו ביסט און שיין!
ביז דער טאָג וועט ליכטיק ווערן,
בלייב מיט מיר אַליין.

עס האָט דער מאָרגן מיך דערפרישט,
איך האָב זיך יונג דערפילט.
אַזאַ ליכטיקייט אין צימער:
די זון אין אים זיך שפּילט.

זיי געגריסט מיר, ליבער טאָג,
דו האָסט מיר זון געבראַכט.
איך וואָלט וועלן יונג זיך פילן,
ביז עס קומט די נאַכט.

אין אַ ווינטער נאַכט

עס איז צוגעפאַלן די נאַכט. אין דעם קליינעם שטיבעלע באַ זלמן דעם שניידער איז געווען טונקל. דאָס גאָז לעמפל האָט געהאַלטן ביים אויסגיין.

די קינדער זיינען איינגעשלאָפן. שיינדל איז געבליבן זיצן אַ מידע לעבן דער הרובע.

דער פראָסט האָט זיך פאַרשטאַרקט, האָט אויסגעפוצט די קליינע פענצטערלאך מיט נייע קווייטן.

עס איז געווען באַלד נאָך מיטאָג, ווען זלמן שניידער האָט אוועקגעטראָגן אַרבעט צו אַ פּריץ אין אַ דערפל ניט ווייט פון שטאָט. זלמן האָט שוין לאַנג באַדאַרפט זיין צוריק. עס איז געוואָרן שפּעט. זלמן איז נאָך אַלץ ניט געקומען. שיינדל איז געוואָרן זייער אומרואיק.

זלמן איז אַריבער דעם פאַרפרוירענעם טייך, וואָס איז געלעגן אַרום אַ געדיכטן וואַלד, און ווען ער איז געקומען צו די פּריצים, האָט ער דאָרטן קיינעם ניט געטראָפן, חוץ די אַלטע אַגאַשע, וואָס האָט געדינט די פּריצים איר גאַנץ לעבן. ווען זי האָט דערזען דעם „קראַוועץ" האָט זי זיך אַזש איבערגעצלמט:

— ווי לאָזט מען זיך גיין אין אַזאַ פראָסט? — האָט די גוטע גויה געפרעגט. זי האָט אים באַלד געגעבן הייסע טיי און געבאַקטע קאַרטאָפליעס. זלמן האָט זיך דערוואַרעמט און גענומען וואַרטן אויף די פּריצים. דערווייל האָט ער איינגעדרעמלט אויף דער ברייטער באַנק, פאַרשלעפערט פון אַגאַשאַס מעשיות וועגן שדים און מכשפות. פּלוצים האָט אַ טומל און אַ געלעכטער אויפגעוועקט זלמנען פון זיין שווערן דרימל.

באַלד האָט ער דערזען פאַר זיך דעם פּריץ שטיין אין קיך־טיר. דער פּריץ האָט באַטראַכט זלמנען, ווי ער וואָלט זען אים צום ערשטן מאָל. זלמן האָט זיך דערפילט שולדיק. ער האָט זיך געגעבן אַ שטעל ווי אַ סאָלדאַט פאַר אַן אָפיצער.

דער פּריץ האָט אים שמייכלענדיק געפרעגט, וואָס ער וויל. אַז דער „קראַוועץ" האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט גע־בראַכט דאָס קלייד פאַר דער פּריצטע, האָט זיך דער פּריץ ערשט פאַנאַנדערגעלאַכט:

— דו מיינסט אפנים, אַז מיין פּריצטע האָט ניט גענוג קליידער! אַ שאָד, וואָס דו ביסט געקומען אין אַזאַ שטאַרקן פראָסט. דו ווייסט, קראַוועץ, מען זאָגט, אַז אין וואַלד זיינען פאַראַן אַ סך וועלף, זע, זיי זאָלן דיך ניט אויפעסן.

דערביי האָט זיך דער פּריץ אַזוי צולאַכט, אַז זלמן האָט ניט געוואוּסט צי שפּאַסט עס דער פּריץ צי מיינט ער עס ערנסט. ביז דער פּריץ איז געקומען צו זיך און האָט אים גע־בעטן אַריינצוטראָגן די אַרבעט צו זיין ווייב.

עס האָט גענומען אַ היפּשע צייט ביז זלמן איז פאַרטיק געוואָרן און האָט זיך געלאָזן צוריק אין וועג אַריין. די נאַכט איז געווען אַ ליכטיקע. דער שניי האָט געסקריפּעט. זלמנען איז געווען וואַרעם, מחמת ער האָט געהאַט אַ טרונק בראַנפן.

ער איז שוין געווען אין מיטן וועג, ווען ער האָט דערפילט ווי עפּעס האָט אַ שווינדל געטאָן פאַר זיינע אויגן. ער איז געבליבן שטיין און האָט זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן. ער האָט גאָרניט באַמערקט און איז אַוועק ווייטער. זיינע טריט זיינען אָבער שוין ניט געווען קיין זיכערע. פּלוצים האָט ער זיך

דערמאָנט אָן דעם, וואָס דער פריץ האָט אים געזאָגט. ער האָט אַ ציטער געטאָן. ניט ווייט פון טייך האָט ער דערזען אונטער אַ בוים צוויי פייערדיקע אויגן, ווי צוויי ברענענדיקע ליכט. זלמן איז געבליבן שטיין ווי אין אַ טומאָן.

אַ ווילדער וואָיען אין קומען, ווי טייוואָלים וואָלטן זיך אַהין אַריינגעכאַפּט, האָט אויפגעריסן שיינדלען פון איר קאָש־מאַרנעם שלאָף. עס איז שוין געווען האַלבע נאַכט, און זלמן איז נאָך ניט געווען. שיינדלען האָט גענומען וואַרפן אַ צאָן אין אַ צאָן. זי האָט אָנגעהויבן אַרומגיין הין און צוריק ווי אַ שאָטן, ברעכנדיק די הענט. זי האָט זיך געשראָקן פאַרן אָטעם פון אירע אייגענע קינדער. פּלוצלונג האָט זי זיך דערמאָנט אָן טייך און אָן אירע פּאַלאַנקעס. זי איז שיר ניט אַרונטער פון זינען. אָבער וואָס קאָן זי טאָן אַליין אַזוי שפּעט ביינאַכט? זי האָט זיך געמינטערט און געשטאַרקט זיך. נאָר אָט האָט זי דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. ווי אַ ווילדע האָט שיינדל אַ לאָז געטאָן זיך און געגעבן אַן עפן. זלמן איז אַריינגעפאַלן אין שטוב, ווי אַ שטיק האָלץ.

שיינדל האָט גענומען שרייען און רופן נאָך הילף. עס זיינען זיך צונויפגעלאָפן מענטשן און האָבן גענומען ראַטעווען זלמנען. נאָר אָט האָט זיך באַוויזן שמעון דער בעל עגלה.

דער עולם האָט געמאַכט פאַר אים אַ וועג.

— ער וועט באַ מיר באַלד לעבעדיק ווערן — האָט ער אַ זאָג געטאָן. און זיך גענומען מינטערן זלמנען מיט שניי און מיט קאַלט וואַסער, ביז ער האָט אים אָפּגעראַטעוועט.

פון פעטערס טוליפּ

דער אַכטיאַריקער רבקה׳לעס ליאַלקע איז פּאַרטיק געוואָרן. מיט די הענטעלאַך און מיט די פיסעלאַך האָט זי אויסגעזען פּונקט ווי אַ לעבעדיקע, אָבער זי האָט ניט געהאַט פון וואָס צו מאַכן די צעפּעלאַך. איז רבקהלע געווען פאַרזאָרגט און אומעטיק.

יענע נאַכט איז רבקהלע געגאַנגען שלאָפן זייער פרי. זי האָט געדאַרפט אויפשטיין פאַרטאָג אויף מאָרגן: עס איז געווען דער יאַריד־טאָג אין שטעטל, און זי האָט דערוואַרט דעם פעטער שמואלן.

ווי עס איז נאָר געוואָרן ליכטיק, איז שוין רבקהלע געשטאַנען מיט איר ליאַלקע אין פענצטער און האָט דערוואַרט דעם פעטערס קומען. אין שטוב איז געווען ליכטיק, וואַרעם, ציכטיק און זייער אַנגענעם. אָבער אין דרויסן איז געווען ניט אַרויסצוגיין: אַ פראָסט מיט שפּאָרן! דער שניי האָט געסקריפּעט, אָבער פולע שליטנס מיט מענטשן זיינען געפאָרן אויפן יאַריד. באַלד האָט זיך דערהערט אַ קלונג פון גלעקער. צום שטוב איז צוגעפאָרן אַ גרויסער געלער שליטן. יאָ, דאָס איז דער פעטער שמואל.

אַלע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר באַגעגענען דעם גאַסט. אין אַ שווערן סאַקסאַקענעם טולופּ האָט זיך דער פעטער אַריינגעשטעלט אין שטוב. מען האָט אים קוים אַרויסגעזען פונעם פעלץ. רבקהלע האָט גענומען באַטראַכטן דעם פעלץ, און האָט באַלד אויפגעבליצט מיט אַן איינפאַל.

דער פעטער האָט זיך דערוויילע געשטעלט דאַוונען. דעם פעלץ האָט ער אַוועקגעלייגט אין אַלקיר אויפן בעט. רבקהלע האָט זיך צוגעגנבעט צום פעלץ מיט אַ שערל אין האַנט און האָט אָפּגעשאָרן אַ היפּש ביסל צעפּלאַך פון איר פעטערס בגד. איר האַרץ איז אָנגעפילט געוואָרן מיט פרייד: איצט וועט איר ליאַלקע האָבן אַ שיינעם קאָפּ האָר.

ווען דער פעטער איז אַרויס אין מאַרק אויפן יאַריד, איז די מאַמע צוגעגאַנגען צו רבקהלען, האָט איר געגעבן אַ ביסל פוטער פון פעטערס טולופּ:

— נאַ דיר עטלאַכע צעפּלאַך פון דיין פעטערס פעלץ, וועסטו האָבן פאַר דיין ליאַלקע. דיין פעטער וועט ניט פאַר-פרוירן ווערן מיט עטלאַכע צעפּלאַך ווייניקער. — און ביידע האָבן זיך שטיפעריש צעלאַכט.

פאַרנאַכט, ווען דער פעטער איז שוין געזעסן אין שליטן און זיך מיט אַלעמען געזעגנט, איז משהלע, רבקהלעס ברודערל געשטאַנען אין פענצטער מיט צוויי וואָנצעס, געמאַכט פון דעם פעטערס סאַקסאַקענעם טולופּ. דער פעטער האָט דאָס באַ-מערקט, האָט ער בייז אַ שמיץ געטאָן די פערד. דער שליטן איז באַלד פאַרשוואונדן.

אינהאַלט:

וועגן זיך — ליד — 5

וועמעס שולד — דערציילונג — 7

טאָג און נאַכט אין קאַליפאָרניע — ליד — 11

נייע צייטן — ליד — 12

דורך שניי — ליד — 13

אין פּאַרק — ליד — 14

גלויבן — ליד — 15

פרילינג — ליד — 16

יוגנט — ליד — 17

זאָל דאָס האַרץ — ליד — 18

בלומען — ליד — 19

אין אַ שפּיטאָל — ליד — 20

די נימפע — ליד — 21

אַ נאַכט-שרפה — ליד — 22

אַ חתונה — ליד — 23

אַ מייזעלע — ליד — 25

צו מיין לאַנד — ליד — 26

דער פאַרליבטער — ליד — 27

אין שטורעם — ליד — 28

אָט דאָ . . . — ליד — 29

מיר האָט זיך געחלומט — ליד — 30

לעבן פענצטער — ליד — 32

אין פרימאָרגן — ליד — 33

אין אַ ווינטער נאַכט — דערציילונג — 34

פון פעטערס טולופּ — דערציילונג — 37